השלמה משנת תשפ"ג

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

### פרשת קרח שנת תשפ"ג לפ"ק

### בסעודת ראש חודש ביחד עם אברכי הכולל בוויליאמסבורג

יום ג' פרשת קרח תשפ"ג לפ"ק

**מען** זיצט ביי א סעודת ראש חודש. קודם וויל איך ארויסברענגען מיין תענוג וואס איך האב געהאט נעכטן נאכט, ווען א קבוצה פון יונגעלייט האבן זיך פארהערט הלכות שבת. איך בין ארויס פון התפעלות ווי אזוי זיי האבן געענטפערט! מען איז אדורכגעגאנגען א גרויס חלק אין הלכות שבת. די גמרא (חולין כד.) זאגט ביי א לוי, טאמער פינף יאר האט ער נישט געזעהן קיין סימן ברכה אין זיין לערנען. ב"ה מען האט זיך געפלאגט פינף יאר, און מען האט יא געזעהן א סימן ברכה. איך פארשטיי אז די קבוצה איז אסאך גרעסער פון די וואס זענען אריינגעקומען, למחצה, ולשליש, ולרביע. אשרי חלקכם אז מען זיצט באהלה של תורה, און מען לערנט, און מען שטייגט אויס.

**עס** האט א שייכות צו די פרשה די וואך. אין סוף פון די פרשה, רעדט די תורה פון מתנות כהונה וואס מען דארף געבן פאר שבט לוי. זיי האבן נישט באקומען קיין נחלה בארץ, אבער דער באשעפער האט זיי נישט איבערגעלאזט, גאנץ כלל ישראל האט זיך געדארפט זארגן פאר שבט לוי, אז זיי זאלן קענען זיצן און לערנען. דער **רמב"ם** (סוף הל' מתנות עניים) זאגט, אז נישט נאר שבט לוי וואס איז געווען דעמאלטס, נאר יעדער איינער וואס איז נדבה לבו, ער וויל זיך אוועקגעבן פאר תורה, ווערט ער נתקדש קודש קדשים. נישט 'קודש', נאר 'קודש קדשים'. דער באשעפער וועט אים ממציא זיין וואס ער דארף צו האבן, כדי ער זאל קענען אויספירן זיין צוגעבינדענקייט צום אייבערשטען. - עס איז א רמב"ם וואס איז ידוע, אבער טאמער מען דארף אמאל חיזוק אין דעם מצב ווי מען איז, עס קומט אן שווער וכדומה, איז כדאי צו עפענען דעם רמב"ם און עס גוט איבער'חזר'ן, וועט מען וויסן דעם געוואלדיגן חשיבות אז מען איז זוכה צו זיצן באהלה של תורה.

*

**אין** אנפאנג פון די פרשה, איז דא די מחלוקת פון קרח מיט משה רבינו. משה רבינו האט געזאגט בוקר וידע ה' את אשר לו, ואת הקדוש הקריב אליו (במדבר טז-ה). רש"י שטעלט זיך, וואס איז דער 'בוקר',

על הטוב יזכר
ידידנו מוה"ר **אברהם אויש** הי"ו
**אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות רפואת אביו שמחה בונם בן שרה**
ולעילוי נשמת אמו מרת **אסתר** בת ר' **עזריאל** ע"ה - כ"ט סיון – ת.נ.צ.ב.ה.

פארוואס צופרי. רש"י זאגט, עתה עת שיכרות. אין מדרש (במדב"ר יח-א) שטייט, אח נפשע קרית עוז (משלי יח-יט), זה קרח, שפשע בתורה, קרח האט פושע געווען אין די מצות פון די תורה. רש"י ברענגט שוין צו, ער האט געפרעגט, טלית שכולו תכלת, צו עס דארף ציצית, צו נישט. בית מלא ספרים דארף האבן א מזוזה, צו נישט, און אזוי ווייטער. עס קען זיין אז עס ליגט דערין נאך א נקודה.

**מען** רעדט דאך פון קרח, וואס איז געווען א אדם גדול. פאר קרח האט פארדראסן, אז ער קען נישט טון די עבודה אין בית המקדש. ביז יעצט איז געווען די עבודה פאר אלע שבטים, יעדער בכור. אין יעדע שטוב איז געווען איינער פון די קינדער וואס האט על כל פנים זוכה געווען צו טון די עבודה אינעם משכן. מען האט גענומען עלעף שבטים, און מען האט זיי געלייגט אין דער זייט, זיי קענען נישט טון די עבודה אינעם משכן, מען האט אויסגעקליבן איין שבט לוי. כאטש קרח איז אויך געווען פון שבט לוי, אבער ער איז דאך נישט געווען פון די כהונה, א לוי קען נישט טון די עבודה, ער קען נאר צו העלפן צו די עבודה. און עס האט אים ווי געטון, ער האט געוואלט זוכה זיין צו די עבודה. כל העדה כולם קדושים ובתוכם ה', ומדוע תתנשאו על קהל ה'.

**עבודה** איז בעצם חשוב'ער פון תורה. אזוי שטייט אין די גמרא (מגילה ג.), אז עבודה איז חמורה פון תורה. די גמרא לערנט עס אראפ, מה דאך מען איז מבטל עבודה כדי לשמוע מקרא מגילה, איז כל שכן תורה דארף מען אוודאי מבטל זיין כדי לשמוע מקרא מגילה. וועגן דעם סמכו בית רבי אז מען האט מבטל געווען תלמוד תורה, און מען איז געקומען הערן די מגילה. אויסער תלמוד תורה דרבים פון כל ישראל, דאס איז גרעסער פון עבודה. אבער בעצם איז עבודה גרעסער פון תורה. - קרח איז טאקע געווען גרויס אין תורה, אבער עס פעלט אים עבודה, עבודה האט ער נישט, און עס האט אים ווי געטון אז ער האט נישט קיין עבודה אין בית המקדש.

**דער** אמת איז, אז די גמרא (מנחות קי.) זאגט, שיר המעלות הנה ברכו את ה' כל עבדי ה', העומדים בבית ה' בלילות (תהלים קלד-א). פרעגט די גמרא, מאי בלילות, אין בית המקדש האט מען געטון די עבודה בייטאג, נישט בלילות. די וואס זענען געווען עומדים בבית ה', זענען דאך נישט געווען בלילות. זאגט די גמרא, אלו תלמידי חכמים שיושבים ועוסקים בתורה בלילה, עס גייט ארויף אויף תלמידי חכמים וואס זיצן און לערנען תורה ביינאכט, מעלה אני עליהם כאילו זיי האבן געטון די עבודה אין בית המקדש. שיר המעלות הנה ברכו את ה' כל עבדי ה', העומדים בבית ה' בלילות, די תלמידי חכמים וואס זענען אויף ביינאכט, און זיי לערנען תורה, זיי זענען בבית ה', עס איז כאילו זיי האבן געטון די עבודה אינעם בית המקדש.

**קומט** דאך אויס, אפילו מען קען נישט זוכה זיין צו טון די עבודה אין בית המקדש, אבער ווען מען זיצט און מען לערנט, מען איז מקדיש די טעג און די נעכט פאר תורה, איז כאילו עוסקים בעבודה. ער האט תורה, און ער האט עבודה אויך. ער דארף נישט גיין טון בפועל די עבודה אין בית המקדש, ווייל ווען ער איז עוסק בתורה בלילות, העומדים בבית ה' בלילות, איז כאילו ער איז עוסק אין די עבודה פון בית המקדש. קומט אויס, אז יעדער יוד קען זוכה זיין צו עבודה, ער וועט זיצן און לערנען ביינאכט, וועט גערעכנט ווערן ווי ער האט עוסק געווען אין עבודה. עס פעלט אים נאר די עבודה פון בייטאג, עס איז דאך נאר עומדים בבית ה' בלילות, די עבודה פון בייטאג דאס האט דער אייבערשטער איינגעטיילט, דאס קען נישט טון יעדער איינער אין בית המקדש, דאס איז נאר פאר שבט לוי, די כהנים און די לוים. די עבודה פון בלילות, זיצן ביינאכט און לערנען, און דאס זאל ווערן גערעכנט פאר אן עבודה, דאס איז דא ביי יעדן יוד.

**האט** משה רבינו געזאגט, בוקר ויודע ה' את אשר לו, ואת הקדוש הקריב אליו. טון די עבודה ביינאכט, איז נישט דא ואת הקדוש והקריב אליו, יעדער איינער וואס ווערט נתקדש קודש קדשים, קען אויף זיין ביינאכט און לערנען תורה, און עס ווערט גערעכנט ביים אייבערשטען ווי ער האט געטון די עבודה. בוקר, צו טון די עבודה פון בוקר, דא האט שוין דער אייבערשטער אייגעטיילט ווער, ויודע ה' את אשר לו, ואת הקדוש והקריב אליו.

**על** כל פנים קרח האט נישט פארלוירן קיין עבודה, קיין שום יוד האט נישט פארלוירן קיין עבודה, ווייל אז מען איז עוסק בתורה בלילות, האט מען עבודה אויך. קרח איז פשע בתורה, קרח האט פושע געווען אין די מעלה וואס תורה האט, אז תורה ווערט

גערעכנט אזוי ווי עבודה. ער האט געהאלטן ניין, תורה איז תורה, און עבודה איז עבודה, און עבודה איז חשוב'ער ווי תורה, ממילא האט ער פושע געווען. אבער זיין פשיעה איז געווען אין תורה, ווען ער וואלט געוואוסט די מעלה פון תורה, אז תורה ווערט גערעכנט נישט נאר פאר תורה אליין, נאר תורה דאס איז עבודה, וואלט ער זיך נישט געקריגט אויף די עבודה אין בית המקדש, ווייל ער קען האבןביידע, ער קען האבן תורה, און ער קען האבן עבודה. די וואס זענען עומדים בבית ה' בלילות, ווערט גערעכנט כאילו זיי זענען עוסק בעבודה.

*

**א** שורה נאכדעם אין די גמרא דארט (מנחות קי.), ברענגט צו די גמרא די פסוק (ויקרא ז-לג), זאת התורה לעולה למנחה ולחטאת ולאשם ולמילואים ולזבח השלמים, און עס איז דא דריי מימרות אין די גמרא. איין מימרא איז דא אין די גמרא, אז עס גייט ארויף ווען מען לערנט די פרשה פון א קרבן, ווערט עס גערעכנט כאילו ער האט מקריב געווען דעם קרבן. כל העוסק בתורת עולה, כאילו הקריב עולה. כל העוסק בתורת אשם, כאילו הקריב אשם. דאס איז נאר ווען ער לערנט 'די' פרשה. אבער אויב ער לערנט הלכות שבת, ער לערנט עפעס אנדערש, האט ער נישט די מעלה אז עס איז כאילו ער איז מקריב א קרבן. נאר ווען מען איז עוסק אין די תורה פון א קרבן, ווערט עס גערעכנט ווי ער איז מקריב א קרבן.

**א** צווייטע מאן דאמר איז דא אין די גמרא, זאת התורה, לעולה למנחה, ווען איינער לערנט תורה, מעלה עליו הכתוב כאילו הקריב עולה מנחה חטאת ואשם. זאת התורה, ווען מען לערנט תורה, איז די תורה גערעכנט ביים אייבערשטען ווי ער איז מקריב קרבנות. לויט דעם צווייטן מאן דאמר איז דער טייטש, אז ער מוז נישט לערנען דוקא תורת עולה, נאר וואס מען לערנט, איז גערעכנט ביים אייבערשטען אזוי ווי א קרבן. ער איז געווען מחוייב א קרבן, און ער האט געלערנט תורה, דארף ער נישט ברענגען דעם קרבן, ווייל עס איז כאילו ער האט מקריב געווען דעם קרבן.

**פרעגט** די גמרא דערויף, דעמאלטס וואלט געדארפט צו שטיין זאת התורה עולה ומנחה, נישט לעולה. זאת התורה, די תורה, דאס איז עולה, דאס איז מנחה, דאס איז די קרבנות אליין. דו זאגסט דאך אז ווען מען לערנט תורה, ווערט עס גערעכנט ווי ער מאכט דעם קרבן, זאת התורה עולה ומנחה, וואס איז לעולה למנחה. זאגט דער דריטער מאן דאמר, ניין, עס איז נישט ווי ער וואלט געברענגט א קרבן, נאר זאת התורה לעולה למנחה, אינו צריך, ער דארף נישט קיין קרבן, ער דארף נישט קיין מנחה. נישט ער דארף א קרבן און עס איז ווי ער ברענגט א קרבן, נאר תורה איז אזוי חשוב, אז ווען איינער לערנט תורה, דער דארף נישט ברענגען קיין קרבנות. די תורה אליין איז אים מכפר, אזוי ווי דער קרבן.

**קומט** אויס, אז עס איז דא דריי דיעות. יעדער איז מודה אז תורה איז במקום פון קרבנות. די ערשטע דעה האט געהאלטן אז דאס איז נאר ווען דו לערנסט די פרשה פון עולה, דארפסטו נישט דעם קרבן. דו לערנסט די פרשה פון חטאת, דארפסטו נישט קיין חטאת. דער צווייטער מאן דאמר האט געלערנט, אז מען לערנט תורה, דאס ווערט גערעכנט כאילו מען האט מקריב געווען אלע קרבנות, דו האסט געברענגט די קרבנות. דער דריטער מאן דאמר זאגט, דו דארפסט נישט קיין קרבנות. עס איז נישט כאילו דו האסט מקריב געווען, נאר זאת התורה, ווען דו לערנסט תורה, אינו צריך לעולה למנחה ולחטאת, דארפסט עס נישט האבן.

**און** מען דארף פארשטיין, וואס איז די חילוק צווישן די לעצטע צוויי מאן דאומרים, וואס טייטשען, אז ווען איך לערן תורה האב איך מקריב געווען דעם קרבן, צו ווען איך לערן תורה, דארף איך נישט האבן דעם קרבן. עס איז דאך די זעלבע, סוף כל סוף מיינט עס אז איך דארף נישט קיין קרבן. צו ווייל איך האב עס מקריב געווען, צו ווייל די תורה איז במקום פונעם קרבן.

**איך** האב געטראכט אז דער פשט איז אנדערש. דער ערשטער מאן דאמר זאגט, אז ווען מען לערנט תורה, ווערט עס גערעכנט כאילו דו האסט געברענגט די קרבנות. מען ווייסט בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), עס איז נישט דא קיין תבלין אקעגן יצר הרע, נאר לערנען תורה. ווען א מענטש איז אדוק אין תורה, אלע זיינע מחשבות איבערן טאג איז נאר אין תורה הק', קומט ער מעיקרא נישט צו, צו קיין חטא, ווייל דאס איז דער תבלין אקעגן יצר הרע. ווען א מענטש איז פארנומען

מיט תורה, קען דער יצר הרע נישט צוקומען, עס איז נישט דא קיין יצר הרע. אונז זיץ מיר און מען לערנט, און דאך איז ביי אונז דער יצר הרע זייער אן אפטער גאסט, ווייל מיר ליגן נישט אין די תורה. די מינוטן וואס א מענטש איז מסיח דעת פון תורה, קומט אן דער יצר הרע. אבער ווען א מענטש זאל ליגן אין תורה פיר און צוואנציג שעה, דער קומט נישט צו, צו קיין עבירה, ער זאל דארפן ברענגען דערויף א קרבן. א קרבן ברענגט מען נאר, ווייל מען האט געזינדיגט, דארף ער האבן שפעטער א כפרה דערויף. אז מען זינדיגט במעשה, דארף ער א חטאת אדער א אשם. אז ער זינדיגט במחשבה, דארף ער האבן א קרבן עולה. אבער אלע קרבנות קומען אויף מכפר זיין.

**דער** ערשטער מאן דאמר זאגט, אז דו זינדיגסט, און דו וואלסט געדארפט ברענגען א קרבן, תורה ווערט גערעכנט כאילו דו האסט געברענגט דעם קרבן. קומט דער צווייטער מאן דאמר און ער זאגט, ניין, זאת התורה, ווען א מענטש איז עוסק בתורה, אינו צריך, דארף ער נישט האבן נישט קיין עולה, נישט קיין מנחה, נישט קיין חטאת, ווייל ער זינדיגט נישט! די תורה ברענגט אים צו, ער זאל נישט מחויב ווערן צו ברענגען קיין קרבן. ווייל אז מען ליגט אין תורה, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, אינו צריך לעולה, ער איז נישט אנגעוויזן צו ברענגען א קרבן, און די תורה זאל אים זיין א כפרה דערויף, ווייל אז דו ליגסט אין תורה, וועסטו נישט צוקומען צו קיין חטא אינגאנצען. וועסט נישט דארפן צוקומען קיינמאל, אז דו זאלסט דארפן זאגן די פרשה פון קרבנות, כדי דו זאלסט נתכפר ווערן מיט דעם קרבן. זאת התורה, די תורה דאס איז א רפואה, לעולה למנחה, אז דו זאלסט נישט דארפן ברענגען נישט קיין עולה און נישט קיין מנחה און נישט קיין חטאת און א אשם, דאס איז דער זאת התורה.

*

**ב"ה** מען זיצט דא א שיינער ציבור בני תורה, מען גיט אוועק די טעג און די נעכט אויף תורה הק', **ויגבה לבו בדרכי ה', מען דארף זיך האלטן שטאלץ! זיין זייער צופרידן פון זיך, אז ב"ה ששמת חלקי מיושבי בית המדרש, ולא שמת חלקי מיושבי קרנות. עס איז נישט דא קיין שענער פלאץ פונעם לעבן וואו מען קען זיין, ווי אין א בית המדרש וואס מען זיצט און מען לערנט. עס איז נוגע פאר זיך אליין, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין. און מען שטעלט אויף אן אנדערע סארט שטוב, ווען מען איז א בן תורה, ווי ווען דאס פעלט. דער גאנצער רוח פון א שטוב פון א בן תורה, איז אן אנדערער סארט רוח. די קינדער ווערן אנדערש נתחנך, די קינדער ווערן אנדערש נתגדל, אלעס אטעמט פון תורה. א מענטש דארף וויסן די געוואלדיגע חשיבות וואס ער קען אויסנוצען נאך א חודש נאך א חודש צו זיצן אין כולל. עס דארף זיין חשוב ביים מענטש. עס קומט אמאל שווער די פרנסה, אבער וועגן דעם האט די תורה געגעבן די פרשה פון מתנות כהונה, דער אייבערשטער באזארגט יעדן איינעם. ווער עס האט זיך באמת געוואלט אוועקגעבן פאר תורה, האט אייביג געטראפן א וועג ווי דער באשעפער האט אים מזמין געווען ער זאל קענען ממשיך זיין ווייטער צו לערנען.** זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען ווייטער שטייגן אין תורה און יראת שמים, קענען מסיים זיין אסאך מסכתות.

**איך** וויל זאגן א ווארט פארן מנהל רבי מיכל [ניימאן]. איך קוק אזוי צוריק ווען מען האט עס אנגעהויבן, עס איז געווען א פערטל עולם, און וויפיל מען האט זיך געפלאגט אין אנהייב. שאו סביב עיניך וראו כולם נקבצו, ב"ה אויפגעשטעלט אן אימפעריע פון תורה, מען זיצט און מען לערנט ב"ה יונגעלייט תלמידי חכמים, גוטע שטובער וואס מען שטעלט אויף. למען לא ניגע לריק ולא נלד לבהלה, מען האט זיך נישט געפלאגט אומזיסט. מען ווערט נישט יונגער, און עס קומט שוין נישט אן אזוי גרינג ווי עס איז אמאל געווען, אבער ווען מען קוקט די פירות, גיט עס כח און חיזוק אויף ווייטער אויך.

**זאל** דער אייבערשטער געבן אי"ה, מען זאל קענען זיצן און לערנען, דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב. עס קומען דאך צוויי שווערע חדשים, די זומער חדשים, מען דארף האבן אן עקסטערע שמירה דערויף, תורה דאס איז די איינציגסטע שמירה וואס מען האט, אז מען זאל זיך קענען פירן ערליך. דער באשעפער זאל געבן, מען זאל האבן א געזונטן זומער, מען זאל קענען עוסק זיין בתורה. סוף פונעם יאר איז חזרה, מען דארף איבערגיין וואס מען לערנט במשך פונעם גאנצן יאר, איין מאל, צוויי מאל, דריי מאל, איבערגיין וואס מען האט געלערנט. **די חזרה וואס מען חזר'ט איבער, מען זאל געדענקן וואס מען האט געלערנט, דאס איז דאך דער עיקר פון תורה.** עס זאל זיין א ברכה אין די

תורה, און א ברכה אין פרנסה, נחת פון קינדער, און אלעס וואס מען דארף האבן. זאל מען זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## בסעודת הברית של בן הר"ר חיים הערש בוידעק הי"ו

יום ד' פרשת קרח תשפ"ג לפ"ק

**דער** חשוב'ער זיידע האט פריער דערמאנט די גמרא (ירושלמי מועד קטן ג-ז) נולד בן זכר במשפחה, נתרפא כל המשפחה. אז עס ווערט געבוירן א יונגל אין די משפחה, ברענגט עס א רפואה פאר יעדן. וואס איז דער ענין אז ווען א בן זכר ווערט געבוירן, ברענגט עס א רפואה.

**די** וועלט פארציילט נאך אויף **רבי שלמה קלוגער זצ"ל**, ער איז געווען רב אין בראד, און ווען מען האט אים אויפגענומען אין די שטאט, די ערשטע וואך צוויי, איז געווען א ברית אין די שטאט, און מען האט אים מכבד געווען ער זאל זיין סנדק. מען האט אים אבער געזאגט, אז דער ברית וועט הערשט זיין שפעט נאכמיטאג. פרעגט ער, עס איז דאך זריזין מקדימין למצות (פסחים ד.), מען דארף מאכן דעם ברית תיכף. האט מען געזאגט, אז דער טאטע פון דעם קינד ל"ע איז נישט געזונט, עס קוקט אויס אז עס איז זיינע לעצטע שעות, ווארט מען אז דער פאטער זאל אוועק, וועט מען קענען א נאמען געבן דאס קינד נאכן פאטער. האט רבי שלמה קלוגער געזאגט, ניין, מען שטופט נישט אפ קיין מצוה אויף נאכמיטאג, מען דארף מאכן דעם ברית תיכף צופרי, און דער אייבערשטער וועט העלפן, דער טאטע וועט געזונט ווערן, און מען וועט נישט דארפן געבן א נאמען נאך אים. וכן הוה, מען האט געמאכט דעם ברית תיכף צופרי, און נאכן ברית האט דער פאטער אנגעהויבן צוריק צוקומען צו זיך, און ער איז געזונט געווארן.

**עס** איז געווען א רעש אין די שטאט. א נייער רב, און ער האט געזאגט מען זאל מאכן דעם ברית, און דער טאטע וועט געזונט ווערן. האט רבי שלמה קלוגער געזאגט, אז עס איז נישט קיין מופת, ער האט זיך עס אפגעלערנט פון די פרשה (פרשת וירא). רש"י (בראשית יח-ב) זאגט, אז צו אברהם אבינו זענען געקומען דריי מלאכים, איינער איז געקומען היילן אברהם, איינער איז געקומען מבשר זיין די בשורה, און איינער איז געקומען איבערדרייען סדום. און דער מלאך וואס האט געהיילט אברהם אבינו, דער מלאך איז אריבערגעגאנגען שפעטער מציל צו זיין לוט. רש"י פרעגט דאך, פארוואס דארף מען האבן דריי מלאכים, איין מלאך קען אויך טון די גאנצע ארבעט, זאגט רש"י, שאין מלאך אחד עושה שתי שליחות, יעדער שליחות האט זיך זיין מלאך. נו אויב אזוי, ווי אזוי איז דער מלאך וואס האט געהיילט אברהם, געגאנגען מציל זיין לוט, עס איז דאך צוויי שליחות'ער? זאגט מען, עס איז איין שליחות, היילן א מענטש, און מציל זיין א מענטש, איז די זעלבע סארט שליחות.

**איז** אים אלץ שווער געווען, אין הימל פעלט דאך נישט קיין מלאכים, עס איז דאך דא גענוג מלאכים. פארוואס דארף מען שיקן א מלאך צו היילן, און נאכדעם מאכן א פשט'ל, אז מען קען אים שיקן אויך מציל צו זיין לוט, מען קען דאך גראד שיקן פיר מלאכים, און איינער וועט גיין היילן אברהם, און איינער וועט גיין מציל זיין לוט.

**נאר** וואס דען, לוט האט מען טאקע מציל געווען, אבער ער איז נישט געווען אזא גרויסער צדיק, אז מען זאל שיקן א מלאך פון הימל, אז מען זאל אים מציל זיין. נאר אז עס איז שוין דא א מלאך דא אויף די וועלט צו היילן אברהם אבינו, און ער דארף נאר מאכן נאך א סטא"פ ביי לוט, אויף אזויפיל קען מען צושיקן. אבער שיקן דירעקט פון הימל א מלאך מציל צו זיין לוט, איז ער נישט געווען ראוי.

**האט** רבי שלמה קלוגער געזאגט, אמאל איז דא א מענטש וואס דארף א רפואה, ער איז נישט ראוי אז מען זאל שיקן מלאך רפאל פון הימל זאל אים היילן, אזויפיל זכותים האט ער נישט. אבער ווען מען מאכט א ברית פאר א קינד, דארף דאך דאס קינד א רפואה, און אז דאס קינד דארף א רפואה, מוז דאך

שוין ממילא אראפקומען א מלאך דא צו היילן דאס קינד, אז דער מלאך איז דא צו היילן דאס קינד, וועט ער שוין היילן דעם טאטען אויך. וכן הוה. אזוי איז געווען, מען האט גע'מל'ט דאס קינד, דאס קינד קומט זיך דאך א רפואה, ווייל דאס קינד איז דאך גע'מל'ט אלץ מצות התורה, קומט אים דאך ער זאל געהיילט ווערן, האט מען שוין אראפגעברענגט א רפואה אויך פאר דעם טאטען. אזוי איז די מעשה פון רבי שלמה קלוגער.

**קומט** אויס, ווען עס איז א נולד בן זכר במשפחה, גייט מען דאך מל'ן דאס קינד, אז מען וועט מל'ן דאס קינד, וועט מען דאך דארפן שיקן א רפואה, איז נתרפא כל המשפחה. אפילו ווען א מענטש איז נישט ראוי אז מען זאל שיקן א מלאך מען זאל אים היילן, אבער אז עס איז שוין נולד בן זכר במשפחה, און עס דארף שוין אראפקומען א רפואה פאר דעם קינד, איז נתרפא כל המשפחה, ברענגט עס א רפואה פאר יעדן.

## בסעודת הברית של בן הר"ר אליקים אורטנער הי"ו

ערב שב"ק פרשת קרח תשפ"ג לפ"ק

**מען** געפונט אין פרשת לך לך (בראשית טו-ב), אברהם אבינו האט געזאגט פארן אייבערשטען מה תתן לי ואנכי הולך ערירי, איך האב נישט קיין קינדער. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, הבט נא השמימה, קוק ארויף אויפן הימל, וספור הכוכבים, צייל די שטערנס, כה יהיה זרעך, אזוי וועלן זיין דיינע קינדער.

**דער אור החיים הק'** זאגט, אז דער אייבערשטער האט שוין פארדעם געזאגט פאר אברהם אבינו ושמתי את זרעך כעפר הארץ (בראשית יג-טז), וואס האט ער געזאגט פארן אייבערשטען, מה תתן לי, איך האב דיר שוין צוגעזאגט. זאגט דער אור החיים הק', אז אברהם אבינו איז נישט געווען צופרידן. ווייל דער באשעפער האט אים געזאגט, זרעך וועלן זיין כעפר הארץ, האט ער געמיינט, אז אין רוחניות וועלן זיי זיין אזוי נידריג ווי עפר, און אזעלכע קינדער איז נישט געווען קיין חשיבות ביי אברהם אבינו. מה תתן לי, די ברכה וואס דו זאגסט מיר, ושמתי את זרעך כעפר הארץ. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, איך האב נישט געמיינט אז זיי וועלן זיין נידריג ווי עפר הארץ, נאר הבט נא השמימה וספור הכוכבים כה יהיה זרעך, דיינע קינדער וועלן זיין ווי כוכבים. איך האב נאר געמיינט, אז זיי וועלן זיין אזוי סאך וויפיל עפר הארץ, אזוי שטייט אין אור החיים הק'.

**עס** קען זיין, דער אייבערשטער האט געזאגט כה יהיה זרעך. מען געפונט די וואך אין די פרשה, אז דער אייבערשטער האט בוחר געווען שבט לוי, זיי האבן נישט קיין חלק אין ארץ ישראל. בארצם לא תנחל (במדבר יח-כ), זיי האבן נישט באקומען א חלק אין די גשמיות פון ארץ ישראל, זיי זענען מיוחד צו דינען דעם אייבערשטען. שבט לוי איז געווען יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל (דברים לג-י), א חלק זענען געווען כהנים, א חלק לוויים, זיי האבן געדינט דעם אייבערשטען, זיי האבן זיך נישט אפגעגעבן מיט קיין שום עניני עולם הזה. מען דארף דאך פרנסה, פון וואו וועט מען לעבן, האט דער אייבערשטער צוגעשטעלט כ"ד מתנות כהונה, פיר און צוואנציג מתנות איז געקומען פון גאנץ כלל ישראל, שבט לוי זאל קענען לערנען און דינען דעם אייבערשטען רוהיגערהייט.

**עס** שטייט אין **רבינו בחיי** (פרשת נשא) אז ביי ברכת כהנים שטייט (במדבר ו-כג), כה תברכו את בני ישראל, וואס איז דער 'כה' תברכו. זאגט ער, אז אויסער די כ"ד מתנות כהונה, איז דא נאך א מתנה, ברכת כהנים. כהנים האבן נאך א מתנה פונעם אייבערשטען, ברכת כהנים. דאס איז כ"ה תברכו את בני ישראל, דא ליגט א פינף און צוואנציג'סטע מתנה פאר דעם כהן. דער **חתם סופר** (**בתורת משה** פרשת נשא כז.) איז מסביר, לכאורה, אלע כ"ד מתנות כהונה האט כלל ישראל געגעבן פאר די כהנים, אבער ברכת כהנים געבן דאך די כהנים פאר יודען, ברכת כהנים איז נישט קיין מתנה וואס זיי באקומען. וואס ווערט יעצט גערעכנט אז דאס איז כ"ה, דאס איז פינף און צוואנציג? זאגט ער, אזוי ווי ביי ברכת כהנים שטייט דאך 'ואני אברכם', און ווי רש"י טייטשט, ואני אברכם

לכהנים, קומט אויס אז ווען א כהן בענטשט א יוד באקומט ער צוריק א ברכה פונעם אייבערשטען.

**קומט** דאך אויס, אז ווען מען דינט דעם אייבערשטען, טוט דער אייבערשטער ממציא זיין פרנסה פאר דעם מענטש וואס דארף עס האבן. דער **רמב"ם** (הל' שמיטה ויובל יג-יג) זאגט, שבט לוי איז נישט נאר שבט לוי אליין, נאר יעדער איינער וואס גיט זיך אוועק פאר תורה, איז ער אזוי ווי שבט לוי, און דער אייבערשטער וועט אים מנחיל זיין וואס ער דארף צו האבן פאר זיין פרנסה. יעדער איינער וואס גיט זיך אוועק פאר תורה, האט פינף און צוואנציג מתנות וואס דער אייבערשטער גיט אים.

**ווען** אברהם אבינו האט נישט געהאט קיין דורות, האט אים דער באשעפער געזאגט, וספור הכוכבים, איך וועל דיר געבן אזעלכע חשוב'ע קינדער, אזוי ווי די שטערנס. כ"ה יהיה זרעך, דו וועסט האבן קינדער וואס וועלן זיצן און לערנען און דינען דעם אייבערשטען, און זיי וועלן האבן די פינף און צוואנציג מתנות פון כ"ה, וואס דער אייבערשטער וועט זיי צושטעלן.

## דברי תורה שנאמרו בדרשות פרקי אבות פרשת קרח ונשנו בשיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א' פרשת חוקת - בלק תשפ"ג לפ"ק

**די** פאריגע וואך איז געווען די פרשה פון די מחלוקת פון קרח מיט משה רבינו און גאנץ כלל ישראל. די תורה איז מאריך א גאנצע פרשה, מיט דעם עונש וואס איז געקומען אויף קרח, די בליעה פון קרח דתן ואבירם וואס אלע זענען איינגעזינקען אין דער ערד. שפעטער איז געווען אן אש וואס איז ארויסגעגאנגען, און עס האט מכלה געווען די ר"ן סנהדראות. און די תורה ענדיגט (במדבר יז-ה) ולא יהיה כקרח וכעדתו, עס איז דא א לאו אז מען טאר נישט מחזיק זיין א מחלוקת. ולא יהיה כקרח, און דו זאלסט נישט זיין אזוי ווי קרח, און דו זאלסט נישט זיין אזוי ווי עדתו. די תורה האט אונז געלערנט די פרשה, מען זאל זיך מתבונן זיין צו וואס מחלוקת פירט. רש"י (במדבר טז-כז) ברענגט צו, אז בית דין של מעלה איז נאר מעניש פון די צוואנציג, און בית דין של מטה איז מעניש נאר פון די בר מצוה, וכאן אפילו יונקי שדים וטפם, אלעס האט מחלוקת אפגעווישט, און זיי זענען אלע אוועק.

**א** מענטש דארף זיך אייביג לערנען פונעם עבר, פון וואס עס איז געווען, און זעהן זאכן וואס האט זיך אויסגעשטעלט אז עס איז נישט גוט, און פון דארט זאל ער זיך אפלערנען, אז מען זאל עס נישט נאכטון ווייטער. די גמרא (תמיד לב.) זאגט, איזהו חכם הרואה את הנולד, א חכם איז דער טייטש, דער וואס זעהט וואס עס גייט פאסירן. יעדער מענטש זעהט וואס עס איז יעצט אויפן טיש, צו דעם דארף מען נישט זיין קיין גרויסער חכם. א חכם איז דער טייטש, ער קוקט נישט ווי אזוי דער מצב קוקט אויס יעצט, ער קוקט, דאס וואס איך גיי יעצט טון, ווי אזוי וועט דאס אויסקוקן אין א חודש ארום, אין א יאר ארום, אין פינף יאר ארום, וואס עס וועט אלץ צוברענגען די זאך וואס איך האב יעצט געטון, און דורכדעם טוט ער דן זיין, צו ער זאל עס טון צו נישט. א מענטש וואס איז נישט קיין בר דעת, קוקט אויף דער מינוט, וואס יעצט איז אים גוט. א חכם איז טייטש, הרואה את הנולד, ער זעהט וואס עס וועט פאסירן שפעטער, און דורכדעם מאכט ער זיינע חשבונות יעצט, צו עס איז אים כדאי ער זאל עס טון, צו נישט.

**יודען** ווערן אנגערופן אן עם חכם ונבון (דברים ד-ו). אונז זעמיר א קלוג פאלק. פארוואס הייסן מיר א עם חכם ונבון, צווישן די גוים איז אויך דא חכמים. נאר, יעדער יוד ווייסט אז די וועלט איז פארגענגליך, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין (אבות ד-טז), ער קוקט נישט אויף חיי עולם הזה, אז דא זאל אים זיין אלעס גוט, ער קוקט ביי יעדע זאך וואס ער טוט אויף די וועלט, טראכט ער וואס וועט זיין פון דעם לעתיד. וועט מען פאר דעם מעניש זיין, צו

וועט מען פאר דעם באקומען שכר, ווי אזוי וועט זיך די זאך אויסלאזן שפעטער. התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין, אלעס וואס ער טוט אינעם פרוזדור, איז אן הכנה ווייל ער ווייסט ער דארף צוקומען שפעטער אינעם טרקלין, טוט ער צושטעלן אינעם פרוזדור, אלעס וואס ער דארף צוצוקומען צום טרקלין. יודען זענען א עם חכם ונבון, אונז זעמיר איבערגערעכנט, נישט וואס מען זעהט מיט די אויגן יעצט, נאר קוקן וואס וועט זיין דערפון לעתיד.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (**בתורת משה** פרשת חיי שרה פג.) שרייבט, אז מען זאגט נישט איזהו חכם הרואה את העתיד לבוא, ער קוקט וואס וועט זיין שפעטער. נאר איזהו חכם הרואה את הנולד, נולד איז אויך א לשון עבר, ער קוקט אויף די פארגאנגענהייט, ער קוקט וואס איז געווען, און פון דעם לערנט ער זיך וואס ער האט צו טון ווייטער. עס איז דא אמאל וואס א מענטש לערנט זיך מיט חכמה, ער איז קלוג, און ער פארשטייט וואס ער האט צו טון. אמאל איז דא וואס ער דארף נישט נוצן די חכמה, ער זעהט די זעלבע זאך האט פאסירט מיט א יאר צוריק, און פינף יאר צוריק, און ער זעהט ווי אזוי מענטשן האבן עס געפירט, און ער זעהט ווי אזוי עס האט זיך אויסגעלאזט, פון פראקטיק ווייסט ער וואס ער האט יעצט צו טון. ווייל די זאכן האט ער שוין איבערגעזעהן און איבערגעהערט, און ער ווייסט פון פריער וואס ער דארף צו טון. א חכם, פון יעדע זאך וואס ער זעהט, לערנט ער זיך אויף שפעטער. וואס איך האב צו טון ווען עס וועט נאכאמאל פארקומען אזא זאך, ווי אזוי מען דארף זיך דעמאלטס צו פירן. ווען עס קומט אים אונטער א זאך, קוקט ער נישט נאר וואס עס וועט זיין שפעטער, נאר ער איז א רואה את הנולד, ער קוקט וואס עס איז שוין געווען געבוירן פון פריער, ווי אזוי די זאך האט זיך אויסגעשטעלט, איז עס געווען גוט, צו נישט גוט, און אזוי ווייסט ער דן צו זיין נאכדעם, וואס ער האט צו טון.

**די** וועלט זאגט, יעדער מענטש לערנט זיך אויף די אייגענע גרייזן. ער האט א דורכפאל אמאל, און ער האט זיך געלערנט, יעדע מיסטעי"ק וואס א מענטש מאכט, ווייסט ער אז מער זאל ער עס נישט איבערמאכן. א חכם לערנט זיך אויף יענעמ'ס מיסטעיק"ס. ער ווארט נישט ביז ער וועט אליין האבן א טעות. מענטשן האבן שוין געטון די זעלבע זאך, און ער קוקט ווי אזוי זיי האבן מצליח געווען, און ער לערנט זיך פון דעם, ווי אזוי ער דארף זיך צו פירן.

**מען** געפונט אין די גמרא (ברכות לט.), אז בר קפרא איז געזעסן מיט די תלמידים, און מען האט אריינגעברענגט מאכלים, און עס איז געווען א דיון אויף וואס מען דארף מאכן קודם די ברכה, און מען האט נישט געפרעגט בר קפרא. און איינער פון די תלמידים האט גענומען א פרי, איינע פון די מאכלים, און ער האט מקדים געווען, און ער האט אויף דעם געמאכט די ברכה. בר קפרא האט זיך געבייזערט שפעטער, אז מען האט אים נישט געפרעגט. האט בר קפרא געזאגט, אם חכמה אין כאן, זקנה אין כאן? אז חכמה איז טאקע נישט דא - האט ער געזאגט אויף זיך בענוותנותו - אבער איז דען נישט דא קיין זקנה, איך בין דאך א זקן, פארוואס האט מען מיך נישט געפרעגט וואס מען דארף צו טון? די גמרא זאגט, אז דער תלמיד וואס האט עס געטון, האט נישט מוציא שנתו געווען.

**געוועוונליך** לערנט מען פשט, אז מען רעדט פון דרך ארץ. מען דארף האבן דרך ארץ פאר א חכם, מען דארף האבן דרך ארץ פאר א זקן. אם חכמה אין כאן, געבסט מיר נישט קיין דרך ארץ אלץ חכם, אבער זקנה יש כאן, עס איז דא זקנה, מען דארף געבן דרך ארץ פאר א זקן. - מען זאגט נאך אויף **רבי יונתן שטייף זצ"ל**, אז אויב מען האט זיך נישט אויפגעהויבן ווען ער איז אריינגעקומען אין בית המדרש, פלעגט ער צו הייסן מען זאל זיך אויפשטעלן פאר אים. און ער האט געזאגט, קיין חכם בין איך נישט, איך בין נישט קיין תלמיד חכם, אבער א ווייסע בארד האב איך, זקנה קען מען נישט אוועקנעמען, מען דארף מכבד זיין א זקן.

**אבער** עס איז טיפער, ווען א מענטש איז דן א זאך, אסאך מאל איז ער עס דן מכח חכמה, ער קען חכמת התורה, ער קען חכמת עולם הזה, ער ווייסט וואס ער האט צו טון. עס איז דא אמאל וואס א מענטש קען דן זיין א זאך אפילו עס פעלט אים די חכמה, אויב ער איז שוין אלט, און ער האט זיך אסאך געלערנט אין די יארן פון פראקטיק פון פריער, וואס מען דארף צו טון, און וואס מען דארף נישט צו טון. אזוי ווי בר קפרא האט געזאגט, אם חכמה אין כאן, אפילו דו ביסט מיך נישט מחשיב פאר א חכם, אבער

זקנה יש כאן, איך האב דאך שוין אסאך געלערנט אין מיין לעבן, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. זקנה איז דא, מען דארף האבן דרך ארץ פאר זקנה. דו ווילסט וויסן וואס דו האסט צו טון, אדער האסטו א חכם וואס זאל דיר זאגן וואס דו זאלסט טון, אדער זקנה, מענטשן וואס האבן זיך געלערנט פונעם עבר, ווייסן וואס מען דארף צו טון שפעטער.

**מחלוקת**. קיינער קריגט זיך נישט אומזיסט. יעדע מחלוקת איז פאר א זאך וואס איז ווערד צו האבן מחלוקת דערויף. מען קריגט זיך אויף געלט, מען קריגט זיך אויף ירושה, מען קריגט זיך אויף א דירה, וואס עס זאל נאר זיין, עס איז א זאך וואס דער מענטש ווערט פארבלענדט. מען נעמט מיר צו א זאך וואס געהער פאר מיר, איך גיי עס נישט פארשווייגן, איך גיי זיך קריגן דערויף, און אזוי ווייטער. מען מאכט נישט קיין חשבונות, ווי אזוי עס וועט אויסקוקן די מחלוקת וואס דו הייבסט יעצט אן פאר א קלייניגקייט, ווי אזוי דאס וועט אויסקוקן אין פינף יאר ארום, אין צען יאר ארום.

**וויפיל** משפחות זעהט מען וואס זענען צוריסן, ברודער שוועסטער, קינדער אייניקלעך, משפחה ארום מיט ארום, שוין גאנצע דורות וואס מען איז צוקריגט. ראובן מיט שמעון, און ראובן'ס קינדער האבן זיך אלע אנגענומען פאר ראובן, און שמעון'ס קינדער האבן זיך אנגענומען פאר שמעון, און עס איז געווארן א פירוד. יארן שפעטער ווייסט מען שוין אפילו נישט פארוואס מען האט זיך געקריגט, דאס האט מען שוין פארגעסן, אבער דער פירוד איז געבליבן. ווען א מענטש וואלט זיך מתבונן געווען, פאר ער גייט ארויס אין א מחלוקת, קוק נישט ווי אזוי עס קוקט אויס יעצט, זיי דיך מתבונן, זיי א חכם, זיי א רואה את הנולד, קוק וואס עס גייט דא פאסירן! יא, **ענדערש פארליר יעצט די פאר דאלער, ענדערש זאלסטו יעצט מוותר זיין, כדי עס זאל זיין רוהיג דאס לעבן פאר דיר מיט דיינע קינדער און די אייניקלעך, ווי דו זאלסט יעצט אריינגיין אין א מחלוקת, ווי אזוי וועט עס אויסקוקן שפעטער.**

**און** אז מען וויל זיך נישט לערנען אויף די אייגענע בארד, זאל מען קוקן אויף אנדערע מחלוקת'ער. קוקן ביי א צווייטן, לערן דיך אראפ פון אן אנדערן, קוק ווי אזוי עס קוקט אויס יענע שטוב, וואס מען האט געפירט א מחלוקת, וואס אמאל איז עס יחידים, און אמאל איז עס חסידים, און אמאל איז עס פארטייען וכדומה, ווען מען וואלט נאך היינט געקענט צוריקדרייען דעם זייגער, וואלטן זיי לאנג צוריקגעדרייט, און מען וואלט געזוכט דעמאלטס אז מען זאל זיך קענען אויסגראדן, ווי איידער עס זאל אויסברעכן אזא מחלוקת. - דאס איז דער חכם. א חכם איז א רואה את הנולד. קוקן וואס האט פאסירט ביי מענטשן, קוקן וואס וועט זיין, און אזוי איז ער דן יעדע זאך וואס מען דארף צו טון.

**די** תורה האט אונז געלערנט די פרשה פון קרח, די תורה זאגט, איך האב דיר אראפגעלייגט די גאנצע פרשה, קוק די פרשה פון קרח, קוק וואס א מחלוקת ברענגט, און יעצט זאלסטו זיין א חכם. ולא יהיה כקרח וכעדתו, מאך נישט די זעלבע מיסטעי"ק וואס קרח האט געמאכט. קרח האט אויך געהאט א גוטע חשבון פארוואס ער האט זיך געקריגט. וואס איז געבליבן? נישט ער איז געבליבן, נישט זיינע קינדער זענען געבליבן, עס איז דא א דיעה (סנהדרין צט:) אז ער האט פארלוירן זיין חלק לעולם הבא. ולא יהיה כקרח וכעדתו, איך האב דיר געוויזן די פיקטשע"ר פון קרח, און יעצט זיי א חכם, מאך נישט נאך וואס קרח האט געמאכט.

**ולא** יהיה כקרח וכעדתו, דו זאלסט נישט זיין, נישט אזוי ווי קרח, און נישט אזוי ווי זיין עדה, מען זאגט נישט כקרח ועדתו, נאר כקרח וכ'עדתו, ביי קרח איז געווען צוויי מענטשן וואס האבן זיך געקריגט, קרח מיט משה, איין מחלוקת. משה איז דאך בעל הבית, קרח וויל זיין בעל הבית. פון די צוויי מחלוקת'ער איז געווארן נאכדעם א גאנצע עדה. קרח האט גענומען זיינע מענטשן וואס האבן מיטגעהאלטן מיט קרח, אז קרח איז גערעכט. משה רבינו'ס מענטשן האבן געהאלטן, אז משה רבינו איז גערעכט. אזוי איז יעדע מחלוקת. ראובן און שמעון, צוויי מענטשן וואס האבן א מחלוקת, און אז זיי האבן זיך צוקריגט, איז אלע קינדער פון ראובן'ן, און אלע זיינע אייניקלעך, און אלע זיינע גוטע פריינד, און אלע זיינע חסידים, שטעלן זיך אויף איין זייט, און נאכדעם שטעלט זיך די אנדערע זייט. און פון איין קרח, ווערט א גאנצע עדה וואס האבן זיך צוגעשטעלט.

**און** עס איז בטבע אזוי, **מען הערט אין בית המדרש, ראובן מיט שמעון האבן א סכסוך, דער נעמט זיך אן פאר ראובן, דער נעמט זיך אן פאר שמעון. וואס איז**

**דיר א נפקא מינה, וואס האסטו זיך ארייננצומישן, עס איז יענעם'ס מחלוקת, וואס איז דיר א נפקא מינה צו דער איז רבי צו יענער איז רבי, וואס איז עס נוגע פאר דיר, דו וועסט ממילא נישט זיין.** - נאר אזוי איז דער סדר ווי אזוי א מחלוקת איז, עס הייבט זיך אן קודם ביי צוויי מענטשן, און נאכדעם קומט א גאנצע עדה וואס ווערן נאכדעם אפגעטיילט איינער פונעם אנדערן.

**זאגט** די תורה, ולא יהיה 'כקרח', פיר נישט אליין קיין מחלוקת, זיי נישט דער ראובן און שמעון וואס פירן א מחלוקת, און זיי נישט 'כעדתו' אויך נישט. זיי נישט אזוי ווי די עדה פון קרח, וואס האבן זיך נאר צוגעשטעלט צו די מחלוקת. עס איז דא א מחלוקת, פרוביר מוותר צו זיין, גיי אוועק אין דער זייט. **סוף כל סוף אפילו מען געווינט א מחלוקת, ער האט שוין פארדינט דאס געלט, ער האט עס שוין באקומען, און ער האט געווינען די מחלוקת. וויפיל ברכה דארף ער נאך האבן שפעטער, אז ער זאל קענען עפעס פארדינען פון דעם געלט, עס זאל נישט גיין לטמיון,** וויפיל געלט איז געווען עושר שמור לבעליו לרעתו (קהלת ה-יב), אין א זאך פון מחלוקת קען נישט ליגן קיין ברכה דערין.

**פארקערט**, אז מען איז מוותר, איך האב טאקע מוותר געווען דאס ביסל וואס איך האב באקומען, אבער לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום (עוקצין ג-יב), און די כלי וואס איז מחזיק ברכה, דאס איז שלום. האסט עס באקומען בדרך שלום, דער אייבערשטער שיקט אריין די ברכה אין דעם ביסל וואס מען האט, ווי פון אסאך וואס מען האט פון יענעם. אונז דארף מיר זיין אן עם חכם ונבון, זיך נישט לאזן אריינשלעפן אין קיין שום מחלוקת.